
אידישע וועלט פרעזענטירט:
עלינו
לשבח
מניגוני ר' משולם גרינבערגער

## רוב תודות

**א ספעציעלן דאנק פאר @א שרייבערל @'masmid'**
**וואס האבן אריינגעלייגט א מלאכת מחשבת מתחילה ועד סוף**
**צושטעלן דעם הערליכן סידי זאל זיין א דבר השלם**

**'אידישע וועלט'** שטעלט אייך פאר דעם סידי **עלינו לשבח**,
צאמגעקליבענע ניגונים פונעם וועלט בארומטן חסידישער קאמפאוזער און זינגער

## ר' משולם גרינבערגער הי"ו

וואס זענען ארויס אלץ סינגל'ס דורך משולם און פארשידענע זינגער'ס אין די לעצטע יארן.

מיר האפן איר וועט הנאה האבן.
שמעו ותחי נפשכם.
*נמ"ש - נאר מיט שמחה*

גרעפיקס: @איינס

# עלינו לשבח

## משולם גרינבערגער

צבי זילבערבערג
זאנוויל ווינבערגער
שוכי גאלדשטיין
הרב שלמה טויסיג
יואלי דאוויאוויטש
יואלי פאלקאוויטש
מאטי ראטמאן
שלמה כהן
אהרעלע סאמעט

עלינו לשבח לאדון הכל, אודה השם אויף אלע זיינע חסדים עד הנה, און בפרט יעצט אשירה ואזמרה לאלוקי, און אגיל ואשמח בלבבי, נאך וואס אהבת עולם אהבתנו, און ברוב רחמיו האט אונז געשאנקען דעם זכות אהערצושטעלן דעם הערליכן סידי 'עלינו לשבח', מחי' זיין אידישע קינדער ישראל המחכים אויף היימישע הערליכע נגינה, ובמקהלות רבבות עמך וואס לעכצן אויף ר' משולם'ס איידעלע גוטע סחורה.

און כאטש וואס מרחוק נראה לי, ס'איז נישט אנגעקומען גרינג, עם כל זה האבן מיר געזעהן אז עוד אביכם חי, לעושה נפלאות גדולות אויף טריט און שריט מיט סייעתא דשמיא כי מלאכיו האט ער אונז געשיקט באגלייטן ביים אהערשטעלן א דבר השלם בשעטומ"צ.

מיט דעם קומען מיר מיט א הודאה ובקשה פארן ציבור, יישר כוח פאר אלע וואס קאמענטירן און געבן פידבעק, דאס האט אונז געברענגט ביז אהער. און פארגעסט נישט אז אין גדולה, עס קומט נישט פון זיך אליין, און אמאל ווארט מען אויף גוטע הערות און פידבעק וואס חבל על דאבדין.. אשרי העם וואס קאמענטירן אויף די מלאכת הקודש, און אוודאי אשריכם הצדיקים וואס יעדנס מאל פון דאסניי קומט מען פידבעק'ן, חזרה און נאכאמאל חזרה.. ווייל דאס איז די איינציגסטע זאך וואס שטופט אויף ווייטער, און ברענגט אן אור לי'..

נאך איין זאך: שמח תשמח רעים, הערטס און האט הנאה פונעם הערליכן סידי אשר אנחנו נותנים לפניכם, מאכטס א רקידה'לע און זייטס בשמחה...

מיט א געבעט יהי השם אלוקינו עימנו, יהי רצון עס זאל ברענגען דעם ריכטיגן השפעה אויף כלל ישראל, ויעזור ויגן עס זאל משמח זיין אידישע קינדער, און מעורר זיין די לבבות צום אויבערשטן, און השמיענו בבוקר חסדך, ובשירי דוד נהללך אגאנצן לעבן, מתוך רחמים חסדים, ותתפרקון פון אלע צרות און דאגות, און יקום פורקן מן שמיא, מ'זאל מיר זוכה זיין צו אלע השפעות און אלעם גוט ביז לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען, במהרה בימינו אמן.

# ובשירי דוד

טאג טעגליך, איידער מיר גייען דאנקען דעם הייליגן באשעפער און פלאקערן א פסוקי דזימרה, הייבן מיר אן מיטן הייליגן תפילה פון 'ברוך שאמר', די הויעכע ווערטער וואס זענען נתגלה געווארן דורך א פיתקא מן שמיא.

ווי פאסיג איז אנצוהייבן דעם 'עלינו לשבח' סידי מיט ווערטער פון אט די הייליגע תפילה.

'ובשירי דוד עבדך נהללך ה' אלוקינו', מיר זינגען און לויבן מיט די הייליגע ווערטער וואס דוד המלך ע"ה האט געשריבן פאר דיר. ונגדלך, ונשבחך. ונפארך. אט גייען מיר דיר דאנקען און לויבן אויף אלע חסדים. ונזכיר שמך מלכנו אלוקינו. יעדע רגע דערמאנען מיר דיין הייליגן נאמען. און מיר זינגען פאר דיר שירות ותשבחות.

זינגער:
**צבי זילבערבערג**

אראנדזשירער:
**אבי טל**

קווייער:
**מלכות**

1



וּבְשִׁירֵי דָוִד עַבְדֶּךָ נְהַלֶּלְךָ ה' אֱלֹקֵינוּ בִּשְׁבָחוֹת וּבִזְמִירוֹת וּנְגַדֶּלְךָ וּנְשַׁבֵּחֲךָ וּנְפָאֶרְךָ וְנַמְלִיכְךָ וְנַזְכִּיר שִׁמְךָ מַלְכֵּנוּ אֱלֹקֵינוּ יָחִיד חֵי הָעוֹלָמִים מֶלֶךְ מְשֻׁבָּח וּמְפֹאָר עֲדֵי עַד שְׁמוֹ הַגָּדוֹל

(מתוך תפילת שחרית)

# עד הנה

די אויגן פארמאכן זיך. די מחשבות פארטיפן זיך. די הארץ עפנט זיך. מ׳הייבט אן זיך מתבונן זיין אביסל אויף אלע חסדים וואס דער באשעפער טוהט מיט אונז: מלפנים ממצרים גאלתנו. ומבית עבדים פדיתנו. אזויפיל ניסים האסטו שוין געטוהן צו אונז. ברעב זנתנו. מחליים פדיתנו. יעדע סעקונדע נעמסטו אונז ארום מיט ליבליכע חסדים.

און אזוי פארדביק׳עט זיך די טיפע ווארעמע תנועה, ס׳פארט אראפ ארויף, די מחשבות וועבן זיך, און די געפילן ערוועקן זיך.

ביז מ׳קומט אן צו א מצב וואס מ׳שפירט אז מ׳קען שוין נישט אויסרעכנען אלעס. און די הארץ שרייט ארויס א הילכיגן ׳עד הנה... אוי עזרונו רחמיך....׳, ווען די שיירי זימרה, די ווערטער וואס קענען זיך נישט ארויסגליטשן פונעם הארץ, שפראצן ארויס פון די ווארעמע שטארקע תנועות ציווישן די שורות.

און מ׳ענדיגט צו מיט א שטילע תפילה: ואל תטשנו ה׳ אלוקינו.. ביז אהער איז דאך געווען נאר רחמיך וחסדיך, אלעס איז נאר דו, האפן און גלייבן מיר אז דו וועסט אונז ווייטער נישט פארלאזן, לנצח...




מקור:
סינגעל דורך זאנוויל וויינבערגער לכבוד זיין חתונה

זינגער:
**זאנוויל וויינבערגער**

אראנדזשירער:
**לייב יעקב ריגלער**

מִלְּפָנִים מִמִּצְרַיִם גְּאַלְתָּנוּ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וּמִבֵּית עֲבָדִים פְּדִיתָנוּ בְּרָעָב זַנְתָּנוּ וּבְשָׂבָע כִּלְכַּלְתָּנוּ מֵחֶרֶב הִצַּלְתָּנוּ וּמִדֶּבֶר מִלַּטְתָּנוּ וּמֵחֳלָיִם רָעִים וְרַבִּים וְנֶאֱמָנִים דִּלִּיתָנוּ.

עַד הֵנָּה עֲזָרוּנוּ רַחֲמֶיךָ וְלֹא עֲזָבוּנוּ חֲסָדֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וְאַל תִּטְּשֵׁנוּ ה׳ אֱלֹקֵינוּ לָנֶצַח

(מתוך תפילת נשמת)

# עלינו לשבח

א איד דארף דאנקען און נאכאמאל דאנקען. נישט קיין חי' וואס מ'גייט אריבער און וואו מ'שטייט: עלינו לשבח לאדון הכל! אונזער פליכט און רצון איז צו דאנקען אונזער גרויסער האר.

ווייל ער איז אונזער ג-ט אונז נישט קיין צווייטער. נישט די דאגות, און נישט די צרות. נישט די געלט, און נישט די פוסטע וועלט. הוא אלוקינו. אין עוד. יחיד חי העולמים. אפס זולתו.

איז לאמיר זינגען נאכמאל און נאכאמאל דעם געשמאקן דאנק ניגון: עלינו לשבח...

תפילת 'עלינו לשבח', סידור התפילה לרוקח לר"ה עמ' תרנו, וזל"ק: "עלינו לשבח לאדון הכל. כל איש הירא את דבר השם ישים אל לבו תבונת השכל, וישים לבו בבשרו ויכוין מאד מאד כשיאמר 'עלינו לשבח', כי שיר השירים הוא, ויהושע איש האלקים יסדו כשנכנס לארץ הקדושה, וראה כי חוקות הגוים הבל הם ואלילים תהו בלא יוכלו להציל עובדיהם, התחיל לפרוש כפיו השמימה וכרע על ברכיו באימה, ואמר בקול רם בניגון המשמח הלב לכוין עלינו לשבח, ומפני ענותו הגדולה אשר היה בו, כאשר למד ממשה ענו מכל האדם אשר יסד מ'זמור ש'יר ליום ה'שבת - [ראשי תיבות] משה, אך 'ליום' מפסיק, פן יבינו מי עשאו, כך היה יהושע ענו, ויסד 'עלינו לשבח' בשמו הושע למפרע ע'לינו לשבח, ש'לא שם, ו'אנו כוראים, ה'וא אלוקינו".




מקור:
סינגעל פון משולם'ס סידי: 'אותך אבקש'.

זינגער:
**משולם.**

אראנדזשירער:
**יהודה גלילי.**

קווייער:
**הערשל בריסק**

קינדער קווייער:
**שיר ושבח.**

והתחיל לפרוש כפיו השמימה וכרע על ברכיו באימה ואמר בקול רם בניגון המשמח הלב;
עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ לַאֲדוֹן הַכֹּל לָתֵת גְּדֻלָּה לְיוֹצֵר בְּרֵאשִׁית הוּא אֱלֹקֵינוּ אֵין עוֹד אֱמֶת מַלְכֵּנוּ אֶפֶס זוּלָתוֹ
אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ...
אזוי ווי עס שטייט, אז די גאנצע מפליא של מעלה זאגן, אשרי העם שככה לו, וואויל איז די אידישע קינדערליך וואס לויבן דעם באשעפער אזוי, און זיי זאגן; עלינו לשבח

# חבל על דאבדין

א ווארעם הארציגע ניגון וואס לאזט די געדאנקען זיך פארטיפן און פארקלערן מיט א אומפארגעסענער קרוב, פריינד, גדול בישראל, וואס האט זיך פון אונז געשיידט אויף אייביג.

און מיר גלייבן אז הנעימים והנאהבים, די היילגע אידן וואס האבן אויסגעפולט די יארן מיט תורה ומעש"ט, אף במיתתם קרויים חיים, און זענען זיך מתענג דארט אויבן בצילא דמהימנותא מיט אלע קדושים וטהורים.

4




מקור:

א ניגון ארויס לכבוד הכנסת ספר תורה דושינסקיא לע"נ הבחור מאיר דוב גרויז ז"ל

זינגער:
**שוכי גאלדשטיין**

אראנדזשירער:
**יונתן בלוי**

קווייער:
**אחים וויינבערגער**

חבל על דאבדין ולא משתכחין (סנהדרין קיא.)

הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִם בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ (שמואל ב, א כג)

מיר טוען פון דיר זיך נישט שיידן, אפילו דו ביזסט שוין דארט אין גן עדן, לא נפרדו.

# לעתיד לבוא

דרייט זיך א אידעלע אינמיטן די נאכט... אינגאנצן פארלוירן אינגאנצן פארטראכט... וואס גייט דא פאר? אלס איז טונקל. מ'זעהט נישט קיין פינטעלע ליכט. זאכן זענען פארקערט, אלעס איז איבערגעדרייט, ווי קען דאס זיין? ער קוקט אהער בליקט אהין, אלעס איז פארנעפלט און פארוואלקנט.

ווען פלוצלינג צינדט זיך אן די לייט, ער זעהט אלס איז אזוי שיין מסודר און לעכטיג, ער פארשטייט נישט ווי איז ער געווען. וואס איז געווען די וואונדער. אלס איז דאך אזוי קלאר און שיין. נאר ער האט פשוט נישט געזעהן און פארשטאנען.

אזוי גייט זיין לעתיד לבוא ווען דער אייבישטער וועט אנצינדן די גאולה פייער און שרייען בלויז צוויי ווערטער: אני ה'! איך בין דער באשעפער! איך האב אלעס געטוהן, איך האב אויסגעלאשן די לייט, און אלס געשטאנען נעבן דיר און דיר אונטערגעהאלטן, און האנט ביי האנט בין איך אריבער מיט דיר אלע שטרויכלונגען, ביז ס'איז געקומען די צייט אנצינדן די לייט.

דאס ברענגט ארויס אט די הערליכע לעבעדיגע ניגון, מיטן הקדמה פונעם הייליגן חפץ חיים אויף די שבטים און מצרים, וואס זענען געווען ארומגענומען מיט קשיות און סתירות טריט נאך טריט, און א מיסטריעזע טונקלקייט האט ארומגענומען יעדע ווינקל. ביז זיי האבן געהערט דעם 'אני יוסף'. און אין מינוט איז אלעס געווען קלאר און ליכטיג. ער איז דאך יוסף... וויאזוי האבן מיר דאס נישט געכאפט...

5




זינגער:
**הרב שלמה טויסיג, משולם**

ארראנדזשירער:
**אברומי בערקא**

קווייער:
**חברים**

קינדער קווייער:
**שיר ושבח**

די שבטים אין מצרים אזוי-פול קושיות האבן זיי געהאט,

ספקות און שאלות דארט אין יענע צייט,

דא קלאגט יעקב הנער איננו

דא וויינען די ברידער אשמים אנחנו

דא וואונדערן זיך זיי כספינו באמתחותינו

און דא שרייט יהודה בי אדוני

דא אהער און דא אהין וואס גייט דא פאר

צוויי ווערטער ווי נאר זיי האבן געהערט, אלעס איז געווארן קלאר,

אני יוסף זיי האבן דערהערט,

מער נישט קיין קושיות, אלעס איז געווארן פארענטפערט.

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת כִּי הוּא מֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ

(אוהב ישראל פר' לך לך)

לעתיד לבוא ווען דער בורא עולם וועט אויסשרייען: אני ה', אני ה',

אלעס וועט מען פלוצלינג פארשטיין

אלעס איז דאך הערליך און שיין

ווייל אלץ איז דאך געווען איך אליין

אני ה', אני ה'!

(חפץ חיים עה"ת פ' ויגש)

# אהבת עולם

מיר קענען נישט באטאנען די געוואלדיגע ליבשאפט וואס אונזער באליבטער טאטן אין הימל שפירט צו אונז, און מיט די אומבאשרייבליכע ליבשאפט האט ער אונז געשאנקען דאס שענסטע און בעסטע וואס ער האט פארמאגט, די הייליגע תורה.

יעדע נאכט, ווען די זוהן גייט שוין אונטער, און די געדאנקען פארנעפלען זיך מיטן געדעכטן נאכט, שמועסט מען זיך אויס מיטן באשעפער איבער דעם געוואלדיגן ליבשאפט וואס מיר שפירן צו איהם, און ער צו אונז, און מיר אינאיינעם געבינדן און געקנופט מיטן הייליגן תורה.

מיטן תפילה 'אהבת עולם בית ישראל עמך אהבת', רעדט דאס הארץ יעדן מעריב איבער דעם געוואלדיגן קשר וואס מיר שפירן, אדער עכ"פ ווילן שפירן, מיטן תורה, אזש ביים זיך לייגן און אויפשטיין זאלן מיר נאר וועלן טראכטן און שמועסן דערפון. ווייל די תורה איז דאך אונזער לעבן, און דאס איז אונזערע אטעם-מינוטן אויפן וועלט.

און מ'בעט דעם באשעפער ער זאל אונז העלפן ווייטער, אז מיר זאלן טאקע זיין מקושר צום תורה, און טאקע שפירן אז דאס איז אונזער לעבן. און זיין ליבשאפט זאל אייביג פליהסן ציווישן אונז, אהבתך אל תסיר ממנו לעולמים.

אין דעם הערליכן יצירה, ברענגט ר' משולם דעם ריכטיגן טייטש צו דעם הייליגן תפילה, אנווארעמען דאס הערצל צום בורא מיט זיין תורה.

6

אַהֲבַת עוֹלָם בֵּית יִשְׂרָאֵל עַמְּךָ אָהַבְתָּ, תּוֹרָה וּמִצְוֹת חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים אוֹתָנוּ לִמַּדְתָּ, עַל כֵּן ה' אֱלֹקֵינוּ, בְּשָׁכְבֵנוּ וּבְקוּמֵנוּ נָשִׂיחַ בְּחֻקֶּיךָ, וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם וָעֶד, כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ, וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה. וְאַהֲבָתְךָ אַל תָּסִיר מִמֶּנּוּ לְעוֹלָמִים.

(תפילת ערבית).

מקור:

ניגון פארפאסט לכבוד מעמד סיום 'זכרו' תשע"ו בארה"ב

זינגער:
**משולם**

אראנדזשירער:
**מוישי אויסטערליץ**

קווייער:
**משולם**

# ווען משיח וועט קומען

דער הייליגער סאטמאר רב זיע"א, וואס האט אויפגעטוהן א וועלט פאר יהדות החרדית, מיטן קעמפפן פארן צד הקדושה, און אויפגעשטעלט א וועלט פון מוסדות'ן על טהרת הקודש, האט זיך אנגערופן "ווען משיח וועט קומען וועט ער ווייזן מיט די פינגער" אויף די אידישע קינדערלעך וואס ווערן נתחנן על טהרת הקודש, און זאגן: "דאס זענען די קינדער וואס האבן מקרב געווען די גאולה השלימה".

און די ווערטער קעמען נוצן טריט און שריט, אויף יעדע מצוה'לע וואס קומט אונטער, אויף יעדע ניסיון וואס זאל נישט אונטער קומען, זאל די אידעלע טראכטן אז ווען משיח וועט ער זיך קומען וועט ער זיך שטעלן און ווייזן אויף דעם קליינטשיגער אידל: דער האט מיר מקרב געווען! דער אידל, מיטן זיך שטארקן אויפן ניסיון, מיטן היטן די אויגן, וכדומה וכו', האט מקרב געווען דעם גרויסן טאג וואס כ'זאל קומען ענק אויסלייזן פונעם ביטערן גלות.

אך ווי שיין אך ווי שיין וועט דעמאלטס זיין... אבער זאל עס שוין זיין...

דעם לעבעדיגן טאנץ ניגון האט ר' משולם פארפאסט, צולייגנדיג דעם ערשטן פאל מיט די ווערטער 'לא ימושו', וואס ברענגט ארויס די המשך שלשלת הדורות, מיטן הבטחה פון שוב אין התורה פוסקת מזרעו.




מקור:
סידי 'ווען משיח וועט קומען' מסע לארה"ק סאטמער מהר"י"

זינגער:
**יואלי דאווידאוויטש**

אראנדזשירער:
**ארי פארקאש**

קווייער:
**מלכות**

לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר ה' מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם (ישעיהו נט כא)

ווען משיח וועט קומען וועט ער ווייזן מיט די פינגער, דאס זענען קינדער, דאס זענען די קינדער, וואס האבען מקרב געווען, די גאולה השלמה...!
(הרה"ק בעל הדברי יואל מסאטמער זי"ע)

קרן הצלה, די פאן פון התבדלות, די פאן פון טהרת הקודש..!

# לעושה נפלאות

אז מ׳טראכט אריין אינעם טאג טעגליכן הערליכן וועלט׳ל, ווי שיין טיף און אויסגע׳חשבון׳ט דרייט ער זיך ארום און ארום... זינגט זיך פון זיך אליינסא הערליכן הודאה ניגון צום גרויסן באשעפער, לעושה נפלאות גדולות... די הערליכע גאלדענע זוהן שיקט איהרע שטרענגע בליקן אויפן וועלטל, מיט א ליבשאפט... די לבנה ארומגענומען מיט די שטערן פינטעלעך, ווי א קעניג און באדינער... די טאג וואס בלאזט אוועק די נאכט, און ווידער לאזט די פלאץ פארן נאכט... און אזוי ווייטער און ווייטער... דאס אלעס שרייט דאך מיט פארביגע קולות דעם ׳כי לעולם חסדו׳.

דער ניגון האט ר׳ משולם פארפאסט בעתו ובזמנו, לכבוד׳ן גרויסן מעמד ברכת החמה וואס די גאנצע וועלט האט געפראוועט ערב פסח תשע״ח, דער ניגון האט מען געזינגען ביים גרויסן מעמד פון די עדה החרדית אין ירושלים עיר הקודש, אין פראנט פון אלופי אלפי ישראל און גדולי הדור זצ״ל ויבלחט״א. א געשמאקער גרינגע לידל וואס ברענגט ארויס די נפלאות הבריאה.




מקור:
ברכת החמה
שע״י עדה
החרדית
תשס״ט.

זינגער:
**משולם גרינבערגער**

אראנדזשירער:
**יואל מארקאוויטש**

קווייער:
**דושינסקיא קאפעלע**

לְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. (תהילים קלו ד)

אֶת הַשֶּׁמֶשׁ לְמֶמְשֶׁלֶת בַּיּוֹם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. (שם ח)

הוֹדוּ לְקֵל הַשָּׁמָיִם כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. (שם כו)

# תורה מפוארה

די דאזיגן לוסטיגן ניגון האט ר' משולם פארפאסט לכבוד א מעמד סיום הש"ס פון עוז והדר, און די ניגון איז פאסיג פאר יעדן גרויסן מאורע של תורה, ווי אידן נעמען זיך צוזאם און עס שרייט ארויס די שיינקייט פון כלל ישראל, 'שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה'.. און סתם אזוי ביי יעדן אידישע צוזאמקום... די פאלק בליהט דאך אזוי שיין..

9




מקור:
סידי 'תורה בתפארתה', סיום הש"ס 'עוז והדר'

זינגער:
משולם

ילד הפלא:
אלי-הו הלוי האראוויץ

ארראנדזשירער:
משה מרדכי (מונה) ראזנבלום

קווייער:
משה מרדכי (מונה) ראזנבלום

אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ
אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁה' אֱלֹקָיו.
(תהלים קמד טו)

שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ
לַזְּמַן הַזֶּה...

# חזרה

מ׳זעהט גדולי ישראל רבנים און גאונים, געוואלדיגע תלמידי חכמים, כאפט זיך א מחשבה׳לע וויאזוי האבן זיי דאס דערגרייכט? זענען זיי אזוי געבוירן געווארן?

די תשובה דערפאר און די רעצעפט דערפון איז איין זאך: ׳חזרה און נאכאמאל חזרה׳! דאס קומט פון יארן פון הארעוואניע, לערנען און חזר׳ן, און נאכאמאל און נאכאמאל חזר׳ן. ויחזור, ויחזור, ויחזור ויחזור... אט אזוי וואקסט מען אויס א ריכטיגען תלמיד חכם.

און מיטן בעטן פונעם באשעפער ׳ותן בליבנו בינה וכו׳, מ׳זאל ווערן א חלק מיט די תורה, דארף מען געדענקען אז נאכן בעטן דארף מען זיך פשוט זעצן לערנען... חזרה און נאכאמאל חזרה!

ווי די גמ׳ זאגט אין סנהדרין (צט.): ׳זינג פארן תורה וועט דער תורה זינגען פאר דיר׳.

10

זאגט די הייליגע גמרא... אמר רבי עקיבא, האט רבי עקיבא געזאגט, ׳זמר בכל יום זמר׳

(סנהדרין צט.-צט:)

חזרה נאך און נאך, הדרן עלך, נאר אזוי וועסטו קונה זיין די הייליגע תורה...

וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל לִשְׁמֹעַ לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ בְּאַהֲבָה

(מתוך תפילת שחרית)

חזרה, און נאכאמאל חזרה.. הדרן הלך והדרך עלן..

נאר אזוי איז מען קונה די הייליגע תורה

לאמטויי לנא מטוב נהורא

כי טוב סחרה מכל סחורה

הדרן עלך והדרך עלן

אין לנו שיור רק התורה הזאת... (מתוך פיוט י״ג מידות)

מקור:
ניגון פארפאסט לכבוד סיום מסכת בבא בתרא במסגרת חבורת זכור זאת לייעקב סאטמער מהרי״י

זינגער:
**משולם**

אראנדזשירער:
**יוחי בריסקמאן ארקעסטרע**

קווייער:
**אחים ניילענדער**

11




מקור:

סידי 'לעתיד לבוא' דינר בחצה"ק סאטמאר מהר"א בארא פארק

זינגער:

**יואלי פאלקאוויטש**

אראנדזשירער:

**זאבי פריעד**

קווייער:

**שירה**

אמר להם הקב"ה לישראל בני, מה שמחה יש לו לאדם בעולם הזה אלא בדברי תורה בלבד.

(אלי-הו רבא יח')

אשריכם הצדיקים שלומדים את התורה שהוא משולה לעץ חיים.

(מדרש רבה, דברים א')

# אשריכם הצדיקים

די שמחה, די געפיל, די געשמאק, וואס דער איד וואס זיצט און לערנט שפירט, קעמען פאר קיין געלט נישט מסביר זיין. יעדער קען זיך דערמאנען די געוואלדיגע פארגעניגן וואס מ'האט אמאל געשפירט אין די ישיבה יארן וכדו' נאך אזא פאר שעה קנאקן אין לערנען...

און ווי דער באשעפער זאגן אליינס פאר די אידן, 'מה שמחה יש לאדם בעולם הזה, אלא בדברי תורה בלבד'! נישטא קיין עכטע תענוג און שמחה פאר א איד אויפן וועלט ווי די תורה. קיין שום הנאה קומט נישט צו צו דעם תענוג. אלס איז לופט, הוילע פוסטע שטותים. קומטס לערנען א שטיקעלע תורה, האטס הנאה, און האקטס א לעבן...

דעמאלטס וועט ענק זיין לעבטיג און זיס, לעבעדיג און לוסטיג, וואויל און מעכטיג, אשריכם הצדיקים שלומדים את התורה!

# אור לי

שפעט ביינאכט, אינעם טונקעלן קאלטן וואלד, דרייט זיך דאס קינד מיט זיכערע פריילינבע טריט, כאטש ס'איז פינסטער און שרעקעדיג. ווייל ער ווייסט אז זיין טאטע, וואס קען גוט די וועג, כאפט איהם די האנט, און כאטש ער צופאלט זיך פון א שטיינדעלע שטעלט ער זיך גלייך אויף, ווייל ער כאפט'עך אן זיין טאטי ...ער שפירט זיך אסאך רוהיגער און זיכערער פון ווען ער גייט יעדן טאג אין גאס ווען די לעכטיגע זוהן שיינט, ווייל יעצט כאפט איהם טאטי אן!

אז מ'רעדט מיט אידן וואס זענען/אדער גייען אריבער א שווערע תקופה אין לעבן, וועט מען הערן פון זיי דעם זעלבן זאץ: כ'וואונטש נישט קיינעם וואס כ'גיי אריבער, כ'וואלט אלעס מוותר געווען פאר מיינע שונאים, אבער איין זאך פארקויף איך נישט פאר קיין געלט: די קירבת אלוקים וואס כ'שפיר דעם תקופה! די ליכטיגקייט אונעם פינסטער. די קלארקייט אינעם צומישעניש. די זיכערקייט אינעם פארצווייפל'טן הארץ. די אור וואס כ'שפיר ביים דאוונען, ביים וויינען צם אויבערשטן.

ווייל א פלעשלייט שיינט טאקע דארט ווי ס'איז טונקל.

"ווייל דווקא ווען ס'שווער, דווקא ווען ס'איז טונקל ..שיינט דיין אור אין יעדן פלאץ אין יעדן ווינקל"...




מקור:
סינגעל
פון מאטי
ראטמאנ'ס
סידי 'זעקתי'

זינגער:
**מאטי ראטמאן**

אראנדזשירער:
**יהושע פריד**

קווייער:
**ידידים העולמי**

כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי כִּי אֵשֵׁב
בַּחֹשֶׁךְ יְהוָה אוֹר לִי.
(מיכה ז' ח')

דווקא ווען ס'איז
שווער, און דווקא ווען
ס'איז טונקל, שיינט
דיין אור אין יעדן
שפאלט, אין יעדן
ווינקל,

ודווקא שקשה ולא
רואים תקווה,
אל תתייאש, אל תוותר
כי ה' איתך!

ודווקא שקשה ולא
רואים תקווה,
יהודי, אל תישבר, ה'
יאיר לך!

אור לי, ה' אור לי...

13




מקור:

סידי 'ותזכו לגדלם' בענין חובת זהירות בדרכים — ר' יי"מ כהנא

כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ
אֹרֶךְ יָמִים אַשְׂבִּיעֵהוּ וְאַרְאֵהוּ בִּישׁוּעָתִי.

(תהלים צא׳ יא-טז)

זינגער:
**שלמה כהן**

אראנדזשירער:
**יוסף משה כהנא**

קווייער:
**לחיים**

# כי מלאכיו

׳הדרכים בחזקת סכנה׳. גייענדיג אויף די שטעגן און וועגן ברויכט מען א ספעציעלן תפילה שתוליכנו ותדריכנו לשלום, דער באשעפער זאל שיקן זיינע געטרייע מלאכים זאלן באגלייטן און היטן פון כל צרה שלא תבוא, פון כל איסור שבל ייראה, און מ׳זאל אנקומען בשלום ובשלוה לחיים טובים ולשלום.

און שטייצעך אז אונזער פליכט איז זיך צו אפהיטן ווי מעגליך ס׳שייך, און מקיים זיין דעם ׳ונשמרתם׳, און דערצו זוכה זיין צום ׳אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי׳...

דער ניגון האט ר׳ משולם פארפאסט פאר׳ן סידי ׳ותגדלם׳, וואס איז ארויס מיט׳ן ציל צו אויפמעקזאם מאכן דעם ענין פון זהירות אויפ׳ן וועג.

# אודה השם

עס איז זייער שווער פאר א מענטש צו דאנקען דעם באשעפער ווי עס דארף צו זיין, ווייל ווען ער קומט דאנקען אויפ'ן עבר ליגט אינעם געדאנק אז ער גייט יעצט בעטן אויף ווייטער, ער זאל ווייטער זעהן חסדים, און דאס נעמט אוועק פונעם שלימות ההודאה. ווייל ס'מאכט אויסזעהן ווי דער איד טראכט אז די חסדים ביז היינט זענען נישט גענוג.

דערפאר זאגט דוד המלך ע"ה: אודה ה' 'בכל ליבי', מיין שבח והודאה אויפן עבר איז מיט'ן גאנצן הארץ, בכל ליבי, אן קיין שום חשבונות אויף ווייטער, נאר א ריכטיגע שלימות'דיגע דאנק.

און ער לייגט צו, אספרה כל נפלאותיך. נישט נאר די גרויסע ניסים און חסדים וואס א געווענליכע מענטש כאפט התפעלות דערפון, נאר אויך די קליינטשיגע געווענליכע טעגליכע חסדים, וואס א מענטש כאפט ניטאמאל, אויך אויף דעם דאנק איך דיר באשעפער, אספרה 'כל' נפלאותיך.

און די עיקר וואס איך דאנק איז נישט ווייל דו האסט מיר גוט געמאכט און כ'האב הנאה געהאט, נאר אשמחה ואעלצה 'בך', מיין שמחה איז מיט דיר, אז דיין נאמען איז נתקדש געווארן, 'אזמרה שמך עליון', און כ'וועל דיר ווייטער קענען דאנקען און לויבן מודיע זיין פאר'ן וועלט אז דו ביסט דער 'עליון', אונזער מעכטיגער קעניג.

(מלבי"ם)




מקור:

פארפאסט לכבוד ארגון 'אבות ובנים' בארה"ק

אוֹדֶה ה' בְּכָל לִבִּי אֲסַפְּרָה כָּל נִפְלְאוֹתֶיךָ אֶשְׂמְחָה וְאֶעֶלְצָה בָךְ אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ עֶלְיוֹן

(תהלים ט' פסוק ב'-ג')

זינגער:
**אהרעלע סאמעט**

מוזיק:
**יואלי מארקאוויטש**

קווייער:
**משולם גרינבערגער**

# ותתפרקון - אן מוזיק

עס איז זייער שווער פאר א מענטש צו דאנקען דעם באשעפער ווי עס דארף צו זיין, ווייל ווען ער קומט דאנקען אויפ'ן עבר ליגט אינעם געדאנק אז ער גייט יעצט בעטן אויף ווייטער, ער זאל ווייטער זעהן חסדים, און דאס נעמט אוועק פונעם שלימות ההודאה. ווייל ס'מאכט אויסזעהן ווי דער איד טראכט אז די חסדים ביז היינט זענען נישט גענוג.

דערפאר זאגט דוד המלך ע"ה: אודה ה' 'בכל ליבי', מיין שבח והודאה אויפן עבר איז מיט'ן גאנצן הארץ, בכל ליבי, אן קיין שום חשבונות אויף ווייטער, נאר א ריכטיגע שלימות'דיגע דאנק.

און ער לייגט צו, אספרה כל נפלאותיך. נישט נאר די גרויסע ניסים און חסדים וואס א געווענליכע מענטש כאפט התפעלות דערפון, נאר אויך די קליינטשיגע געווענליכע טעגליכע חסדים, וואס א מענטש כאפט ניטאמאל, אויך אויף דעם דאנק איך דיר באשעפער, אספרה 'כל' נפלאותיך.

און די עיקר וואס איך דאנק איז נישט ווייל דו האסט מיר גוט געמאכט און כ'האב הנאה געהאט, נאר אשמחה ואעלצה 'בך', מיין שמחה איז מיט דיר, אז דיין נאמען איז נתקדש געווארן, 'אזמרה שמך עליון', און כ'וועל דיר ווייטער קענען דאנקען און לויבן מודיע זיין פאר'ן וועלט אז דו ביסט דער 'עליון', אונזער מעכטיגער קעניג.

(מלבי"ם)

15



מקור:
דינער בָּנֵי עולם.

זינגער:
**משולם**

קווייער:
**ידידים**

וְתִתְפָּרְקוּן וְתִשְׁתֵּזְבוּן מִן כָּל עָקָא וּמִן כָּל מַרְעִין בִּישִׁין

מָרָן דִּי בִשְׁמַיָּא יְהֵא בְסַעְדְּכוֹן כָּל זְמַן וְעִדָּן לְכָל קְהָלָא קַדִּישָׁא הָדֵין וְנֹאמַר אָמֵן

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יְשַׁלֵּם שְׂכָרָם וְיִשְׁלַח בְּרָכָה וְהַצְלָחָה בְּכָל מַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם עִם כָּל יִשְׂרָאֵל אֲחֵיהֶם וְנֹאמַר אָמֵן.

מָרָן דִּי בִשְׁמַיָּא יְהֵא בְסַעְדְּכוֹן כָּל זְמַן וְעִדָּן לְכָל קְהָלָא קַדִּישָׁא הָדֵין מַלְכָּא דְעָלְמָא יְבָרֵךְ יַתְכוֹן יַפִּישׁ חַיֵּיכוֹן וְיַסְגֵּא יוֹמֵיכוֹן וְיִתֵּן אַרְכָא לִשְׁנֵיכוֹן וְנֹאמַר אָמֵן.

(מתוך תפילת שחרית לשב"ק)

# עלינו לשבח

מניגוני ר'
משולם
גרינבערגער

אידישע וועלט פרעזענטירט:

1. ובשירי דוד
2. עד הנה
3. עלינו לשבח
4. חבל על דאבדין
5. לעתיד לבוא
6. אהבת עולם
7. ווען משיח וועט קומען
8. לעושה נפלאות
9. תורה מפוארה
10. חזרה
11. אשריכם הצדיקים
12. אור לי
13. כי מלאכיו
14. אודה השם
15. ותתפרקון - אן מוזיק